NYC

אפיס פון עמערזשענסי פארוואלטונג
אפטיילונג פון ערציאונג

## ניצט אייער אייגענע וועג זיך

# צוצוגרייטן




## שארקס אין די קראסוואלק

READY NEW YORK
NYC OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT

# דייט גרייט ניו יארק

## ניצט אייער אייגענע
## וועג זיך צוצוגרייטן



©2013 עד קאונסיל און די ניו יארק סיטי אפיס פון עמערזשענסי פארוואלטונג.
שריפט און אויסלייג דורך די ערציאונג צענטער, LLC

# שארקס אין די קראסוואלק

בען האט ליב געהאט צו שפילן א פיקאפ שפיל פון בעסקעט באל נאך סקול. זייענדיג אינמיטן סקול, האט ער אוועקגעגעבן א גרויסן טייל פון זיין טאג מיט׳ן זיצן ביי א טישל, ממילא האט אים א שעה פון לויפן ארויף און אראפ די פלאץ געגעבן ענערגיע. ווען דער שפיל איז פארענדיגט געווארן, האט ער געכאפט זיין סוועטער און אפגעווישט די שווייס פון זיין האלז.

"וואו גייסטו?"

"איך מוז אהיימלויפן זיך ארומוואשן איידער איך גיי אפנעמען מיין קליינע שוועסטער פון איר נאך-סקול פראגראם," האט בען געזאגט פאר זיין חבר מיקי אינדערצייט וואס ער האט פארלאזט די בעסקעט באל קאורט.

בען האט זיך געלאזט גיין צום ריכטונג פון זיין אפארטמענט געביידע, הערנדיג מוזיק. ווען ער האט זיך ארומגעדרייט ביים קארנער, האט בען געזען אז זיין גאס איז אויסגעשטאט מיט סיטי טראקס, יוטיליטי קארן, אראנדש קאונס, און האלצערנע בעריקעידס. א פאליס קאר איז געווען געפארקט אונטער איינע פון די בעריקעידס פון וועלכע די לעקטערס האבן געבליטשקעט. די מורמל׳דיגע קול פון צוויי-וועגעדיגע ראדיאס איז געווען איבעראל. און א מאדנע, יאגנדע *שטראם* האט געמאכט די בלאק אויסקוקן ווייניגער ווי א סיטי און מער ווי א טייך ברעג. וואס אין די וועלט איז דא פארגעגאנגן?

בען איז ארויפגעקראכן די אויבערשטע שטיגן פון א דערנעבנדע געביידע צו שאפן א בעסערע בליק. אין מיטן פון די אינטערסעקשאן, ביי די אריינגאנג צו זיין אפארטמענט געביידע, האט א שפרול'דיגע, פליסיגע אויפהייב פון וואסער אויסגעקוקט אויפצוקאכן ארויס אין די גאס. וואסער האט געפלאסן איבעראל.

"אינגל! העי, אינגל!"

בען האט אראפגעקוקט און געזען א מענטש אין א גרינעם וועסטל ארויפצייגן אויף אים מיט א וואקי-טאקי.

"דו וואוינסט אין איינע פון די געביידעס? איך בין מיט די קאמיוניטי עמערזשענסי רעאקציע גרופע," האט דער מאן מיט די וואקי-טאקי געזאגט, האלטענדיג הויך זיין אידענטיפיקאציע בעדש. "זעסט, עס איז געשריבן אלץ 'ס.ע.ר.ט.' אאויף מיין בעדש. דער נאמען איז או'מירא." "וואס גייט פאר, מר. או'מירא?" האט בען געפרעגט.



”א וואסער הויפט בראך און די קראפט איז געווארן אויסגעלאשן,“ האט דער מאן געזאגט. ”די געביידעס ווערן איוואקואירט. וואס איז דיין נאמען?“

”מיין נאמען איז בען. איך וואוין דא,“ האט בען געזאגט, טייטלענדיג אויף די דערנעבנ׳דיגע געביידע.

”אקעי, בען. איך קען דיר העלפן. האסטו ערגעץ וואו צו גיין – א פלאץ ווי דיין פאמיליע קען דיר טרעפן? אדער דארפסטו ארויפגיין צו דיין דירה?“

**אויב בען באשליסט צו גיין צו א חבר׳ס הויז, מיש צו בלאט 7.**

**אויב בען באשליסט ארויפצוגיין צו זיין דירה, מיש צו בלאט 6.**

## בען באשליסט ארויפצוגיין צו זיין דירה.

”איך דארף ארויפגיין צו מיין דירה,“ האט בען געזאגט פאר מר. או׳מירא. ”איך האב עטליכע זאכן וועלכע איך דארף דארט ארויפטראגן. מיין פאמיליע האט א פארזאמלונג ארט געשריבן אויף אן עמערזשענסי קארטל וועלכע ליגט אויף אונזער פריזשידער. און איך האב א גיין-בעג.“

מר. או׳מירא האט געשמייכעלט. ”דאס איז געוואלדיג, בען. דו וועסט ווארשיינליך נישט קענען פארבלייבן דא די נאכט, ממילא איז דאס האבן א גיין-בעג א קלוגע געדאנק. איך וועל דיר אריינטראגן דורך די אונטערשטע אריינגאנג צו דיין געביידע. נאכדעם קענסטו ארויפגיין צו דיין  דירה און באקומען וואס דו ברויכסט.



בען און מר. או׳מירא האבן שפאצירט אינאיינעם דורכגייענדיג א בעריקעיד ווי א פאליס אפיציר איז געשטאנען מיט א קליפ-באורד און ראדיא. בען האט איר געגעבן זיין נאמען און אפארטמענט נומער און האט באקומען א פרייער וועג צו ווערן באגלייט אריין אין די געביידע. נאכדעם, איז אן אנדערע ”ס.ע.ר.ט.“ מיטגליד געגאנגן מיט אים צו זיין שטאק.

בען האט אויפגעשפארט די טיר און אריין אינעווייניג. זייענדיג אליין אין זיין דירה, האט עס געשפירט גוט זיך צו געפינען אין א זיכערע, באקאנטע פלאץ נאך די בהלה אין גאס. ער איז צוגעגאנגן צום פענסטער און אראפגעקוקט. ער האט געקענט זען די צעטיילטע לאך, די ווייסע וואסער ארויסשטראמען אויפ׳ן גאס, און די עמערזשענסי ארבעטערס גייענדיג אין יעדע ריכטונג. *אפשר וועל איך פשוט צוקוקן די אקציע פאר עטליכע מינוט,* האט בען געקלערט. אבער ער האט אויך געוואוסט אז ער דארף נעמען זיין גיין-בעג און קוקן אויף די פרידזשידער זיך צו דערמאנען וואו זיין פאמיליע׳ס עמערזשענסי פארזאמלונג פלאץ געפונט זיך.

**אויב בען באשליסט זיך צוצוקוקן, גיי צו בלאט 9.**

**אויב בען באשליסט צו נעמען זיין גיין- זעקל און גיין צו זיין פאמיליע פארזאמלונג פלאץ, גיי צו בלאט 10.**

## בעין באשליסט צו גיין צו א חבר'ס הויז.

"איך קלער אז איך וועל גיין צו א חבר'ס הויז," האט בעין געזאגט פאר מר. או'מירא. "איך קען דארט בלייבן ביז מיינע עלטערן ענדיגן ביי די ארבעט."

"האט אייער פאמיליע באשטימט אן עמערזשענסי פארזאמלונג פלאץ? ווי אזוי וועלן זיי וויסן וואו דו געפינסט זיך?"

"זיי וועלן וויסן אז איך בין מיט מארקוס," האט בעין געזאגט. אבער ער איז נישט געווען זיכער. ער האט גערעכנט אז ער קען רופן זיין מאמע אדער טאטע פון מארקוס'ס הויז.

פונקט דאן, האט די ווארענונג ביפ פון א בעקהאו וועלכע קערט זיך צוריק אראפ די גאס געפיפן. ווי זיי האבן באטראכט די בעקהאו, האט מר. או'מירא גערעדט: "הערט דיך צו, אינגל, דו זאלסט אנקומען וואו אוממער דיין פאמיליע האט צוגעשטימט אז עס איז א זיכערע פארזאמלונג ארט. דו קענסט נישט פארבלייבן דא. די וואסער איז געווארן אפגעשפארט פון די געביידע, און די קראפט איז אויסגעלאשן געווארן."

"נישטא וואס צו זארגן," האט בעין געזאגט. "יישר כח, איך וועל זיין אינדרויסן פון דא."

ארויפשארענדיג פלינק זיינע העדפאונס צוריק, איז בעין געגאנגן צו מארקוס'ס דירה. אפשר קען ער מיט מארקוס שפילן געוויסע ווידיא געימס אדער צוריקגיין צו די בעסקעט באל קאורט. ער האט דערגרייכט מארקוס'ס ברוינע-שטיינערנע הויז און ארויפגעלאפן די שטיגן.



"הע', וואס טוסטו דא?" האט מארקוס געפרעגט ווען ער האט געעפנט די טיר.

"איך האב נישט געהאט אן אנדערע פלאץ צו גיין. דו דארפסט זען מיין גאס. עס איז צעדרייט!"

"פארוואס? וואס האט פאסירט?" האט מארקוס געפרעגט, געבנדיג א טריט צו די זייט כדי אריינצולאזן בעין.

"א וואסער מעין בראך און די יוטיליטי איז אויסגעשאלטערט," האט בעין צוריק געענטפערט, אראפלאזנדיג זיין שולטאש אינעווייניג פונעם טיר. "זיי לאזן מיך נישט פארבלייבן. ממילא האב איך געקלערט אז איך וועל קומען דא. איז דאס אקעי?" האט בעין געפרעגט, אויסדרייענדיג זיך צו מארקוס'ס מוטער.

זיכער. דאס איז אקעי. דיינע עלטערן ווייסן אז דו ביסט דא?״ האט זי געפרעגט. ״און וואס איז מיט דיין שוועסטער?״

מארקוס׳ס מאמע האט גענומען איר טעלעפאן און דאס אויסגעשטרעקט פאר בען. ״איך מיין אז דו וואלסט ווען געדארפט זיי רופן גלייך און זיי זאגן וואו דו געפינסט זיך.״

בען׳ס מאמע האט אויפגעהויבן ביים ערשטן קלינג. זי האט נארוואס ערהאלטן א רוף פון א שכן איבער די וואסער מעין בראך און איז געווען באזארגט איבער וואו בען געפינט זיך. זי האט אים פלינק דערמאנט וואו צו גיין און אז ער האט געדארפט זיכער מאכן אז ער האט זיין גיין-בעג אזוי ווי זיי האבן גע׳חזר׳ט.

״איך דארף גיין,״ האט ער געזאגט פאר מארקוס. ״איך דארף צוריקגיין צו מיין דירה און נעמען מיין גיין-בעג איידער איך טרעף זיך מיט מיין פאמיליע.״ בען איז ארויסגעגאנגן דורכ׳ן טיר און געגאנגן גלייך צוריק צו זיין אפארטמענט געביידע. ער האט געהאלטן זיינע אויגן אפן צו טרעפן מר. או׳מירא אדער אן אנדערע ״ס.ע.ר.ט.״ מיטליד, וואוסענדיג אז זיי וועלן העלפן אויב נויטיג.

**גיי צו ״בען באשליסט ארויפצוגיין צו זיין דירה״ אויף בלאט 6.**

**בען באשליסט זיך צוצוקומען צו די אקציע פאר א ווײַלע.**

נאך בלויז עטליכע מינוט, איז בען מיד געווארן פון זיך צוקוקן צו די וואסער וועלכע שטראמט איבער די גאסן. ווי מאדנע די סצענע איז געווען, איז עס געווען ווי קוקן די זעלבע צען סעקונדעס פון ווידיא שפיל איבער און איבער און איבער נאכאמאל.

זיך אוועק דרייענדיג פונעם פענסטער, האט בען געכאפט זיין האנט ווידיא שפיל און אנגעהויבן שפילן די שפיל וועלכע ער האט גע'סעיוו'ט. ער האט נישט געהאט קיין אהנונג ווי לאנג ער האט געשפילט אזוי ווען ער האט געהערט א הויכע קלאפ ביים טיר. ער איז געגאנגען צום טיר און געקוקט פונעם לעכל. מר. או'מירא איז געווען אינדרויסן.



"די האסט געזאגט אז דו קומסט גלייך צוריק אראפ. איז אלעס בסדר ביי דיר?" האט מר. או'מירא געפרעגט. נאכדעם האט מר. או'מירא געזען די ווידיא שפיל און געהויבן זיינע אויגן ברעמען. ער האט צוגעקוקט ווי בען כאפט זיין גיין-בעג און איבערגעקוקט די עמערזשענסי קארטל אויף די פריזשידער.

"איך מיין אז דו האסט וויכטיגער זאכן צו טראכטן איבער ווי צו שפילן ווידיא געימס יעצט, בען. דיין פאמיליעווארט מעגליך פאר דיר," האט מר. או'מירא געזאגט אינדערצייט וואס ער האט אנגעהויבן גיין אראפ אין די קארידאר און בען האט צוגעמאכט די טיר.

**גיי צו "בען באשליסט צו נעמען זיין גיין-בעג און גיין צו די פאמיליע פארזאמלונג ארט" אויף בלאט 10.**

**בען באשליסט צו נעמען זיין גיין-בעג און גיין צו די פאמיליע פארזאמלונג ארט.**

בען איז געגאנגען גלייך צו זיין שלאף צימער. אין זיין קלאזעט, איז געווען זיין העל רויטע גיין-בעג צוזאמענגעפאקט מיט אלעס וואס ער וואלט געדארפט אין אן עמערזשענסי. ווי שטארק עס האט אים געגלוסט צוזאמענצונעמען זיינע ווידיא געימס עס מיטצונעמען מיט זיך, האט ער געוואוסט אז עס וועט מעגליך נישט זיין צייט. ער האט אויך געדענקט אז ער האט עטליכע קאמיק ביכלעך אין זיין גיין-בעג אים צו העלפן זיך האלטן באשעפטיגט.

אויפן וועג ארויס פון זיין שלאף צימער, האט בען געכאפט זיין קליינע פלעשלייט און נאכדעם אריין אינעם קאך.דארט האט ער באמערקט די עמערזשענסי קארטל אויף די פריזשידער.

״אה. זיכער!״ האט בען געזאגט. ״די עלעמענטארע סקול. דאס איז אונזער פאמיליע פארזאמלונג ארט!״

מיט זיין גיין-בעג אין האנט, האט בען צוגעשפארט זיין פאמיליע׳ס דירה און אנגעהויבן גיין אראפ די קארידאר.



״עס איז זיכער שטיל דא ארום,״ האט איינער זיך אנגערופן הונטער אים.

זיך אויסדרייענדיג, האט בען באמערקט זיין שכנה, מרת. האטארנע.

״צו גייט איר אין א שעלטער אדער ערגעץ?״ האט בען געפרעגט.

״איך ווייס נישט וואס צו טון,״ האט מרת. האטארנע געזאגט פון די שוועל פון טיר. ״איך דארף אכט געבן אויף מר. מעלווין.״

״מר. מעלווין,״ האט בען איבערגעזאגט. ״אייער קעצל.״

גייענדיג צו די עלעוועיטאר, האט בען צוגעלייגט, ״איר ווייסט אז איר קענט ברענגן אייער קעצל צו די עמערזשענסי שעלטער. איר ברויכט אים בלויז האבן אין א וועגעלע. רעדט צו דעם מענטש אין די גרינע וועסטל. אבער מיר זענען נישט ערלויבט צו פארבלייבן דא די נאכט.״

איינמאל ער איז געווען צוריק אויפ׳ן גאס, איז בען צוגעגאנגען גלייך צו מר. או׳מירא און געוויזן זיין גיין-בעג.

"דו ווייסט וואו דו גייסט טרעפן דיין פאמיליע?"

"יא, סיר. די עלעמענטארע סקול. איך האב נארוואס איבערגעקוקט אונזער עמערזשענסי קארטל. מיין קליינע שוועסטער איז דארט אין די נאך סקול פראגראם."

"גיי צו דיין שוועסטער, אינגל. בלייב זיכער." האט מר. או׳מירא געזאגט.

בען האט געכאפט זיינע העדפאונס ארום זיין קאפ אבער האט עס נאכדעם צוריק אוועק געשלעפט. "אה, נאך איין זאך," האט ער געזאגט. "מיין שכנה אין אפארטמענט 3D איז נאך אויבן. זי איז באזארגט איבער איר קעצל. קען איינער גיין רעדן צו איר?"

"זיכער ווילן מיר. א דאנק פאר׳ן מיר זאגן" האט מר. או׳מירא געזאגט. "זיי פרידליך." בען האט אוועקשפאצירט שמייכלענדיג. *זיי פרידליך? ווער רעדט נאך אזוי?* האט ער געקלערט צו זיך אליין.

בען האט געשפירט גוט. ער האט געמאכט די ריכטיגע באשלוס צו גיין וואו ער און זיינע עלטערן האבן באשטימט אז זיי זאלן גיין. בלויז נאך איין בלאק, און ער וועט דארט זיין.

"העי, בען! העי, בען! ווי גייסטו?"

בען איז געווארן פארלוירן אין זיינע געדאנקען און האט ניטאמאל געזען זיינע חברים עדעם און מייק ד. צוקומען. מייקל ד. האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו געבן שלום פאר בען.



"וואס טוט זיך, בען?" האט מייק ד. געפרעגט אראפנעמענדיג זיינע העדפאונס, האט בען צוריקגעענפערט, "עס איז געווען די מערסטע מאדנע נאכמיטאג."

"האסטו געהערט איבער די וואסער מעין בראך?" האט עדעם געפרעגט. "איך מיין אז עס איז אראפ, נעבן וואו דו וואוינסט, בעננ׳! זיי זאגן אז די גאסן זענען אונטער פינעף פיס וואסער און א מיסט טרעקל איז אריינגעפאלן אינעם לאך! מיר גייען עס קוקן."

איך האב עס געזען. עס איז גלייך פארענט פון מיין אפארטמענט,” האט בען געזאגט.

”אמת׳דיג?“ האבןביידע אינגלעך זיך אנגערופן.

בען האט געלאכט און געזאגט, ”יא. עס איז נישט דא קיין מיסט טראק בלויז אסאך וואסער.“

”קום. לאמיר עס גיין קוקן.“ האט עדעם געזאגט.

”יא, קום, בען. ווייז אונז,“ האט מייק ד. צוגעלייגט.

**אויב בען באשליסט צו נעמען עדעם און מייק ד. צו זען די וואסער הויפט בראך, מיש צו בלאט 13.**

**אויב בען באשליסט ווייטער צו גיין צו די פארזאמלונג פלאץ, גיי צו בלאט 15.**

**בען באשליסט צו נעמען עדעם און מייק ד. צו זען די וואסער הויפט בראך.**

''אקעי,'' האט בען צוגעשטימט. ''איך בין זיכער אז מיר קענען עס גיין באטראכטן פאר א מינוט.''

מייק ד. און עדעם זענען געווען ענטוזיאסטיש. בען האט נישט געהאט קיין אהנונג איבער וואס קען זיין אזוי פרייליך מיט'ן זעהן א וואסער הויפט בראך. אבער צו הערן זיינע חברים רעדן דערפון, אפשר וועלן זיי זעהן א שארק שווימען אפטאון אדער זשעלי פיש וועלכע צילן קיין קווינס.



איינמאל זיי זענען צוריק געקומען צו די בלאק, האט בען געטראפן די סצענע זיין מער ווייניגער די זעלבע ווי ווען ער האט עס פארלאזט. קיין זשעלי פיש. קיין בראדוועי-געבינדענע שארקס. ניטאמאל אזויפיל וואסער מער.

מייק ד. האט זיך געשטעלט הונטער א געפארקטע טרעקל און געוויזן צו די אינטערסעקשאן.

"וואס? עס איז בלויז א לאך אין די גאס!" האט ער געשריגן.

פונקט דאן, האט מר. א'מירא אריבערשפאצירט פון די בעריקעיד אויפ'ן סיידוואק. ער האט געהייסן מייק ד. אראפקומען פונעם טראק. ווייזנדיג אויף בען האט ער געזאגט, "האסטו עפעס פארגעסן?"

"מיינע חברים האבן געוואלט זען די בראך."

וואו איז דאס גאנץ וואסער?" האט עדעם געפרעגט. "ווי אזוי קען א מיסט טרעקל זינקו אין אזא קליינע לאך?"

מר. א'מירא האט געהויבן זיינע אויגן ברעמען און איבערגע'חזר'ט, "מיסט טראק?"

"זיי האבן געהערט אז א מיסט טראק איז פארלוירן געגאנגן אין א לאך וועלכע איז געשאפן געווארן דורך די בראך," האט בען געזאגט.

"איך מיין אז דו האסט עפעס א פלאץ צו גיין, בען," האט מר. א'מירא געזאגט.

בען האט געשאקעלט זיין קאפ. "איר זענט גערעכט. איך האב. קומט, קינדער."

מיט מייק ד. וועלכע האט זיך נאך אלץ געראנגעלט צו באקומען א בליק אראפ די גאס, האבן די דריי זיך אוועק געקערט און אנגעהויבן גיין צוריק צו וואו זיי האבן זיך צוזאמענגעטראפן.

עטליכע מינוט שפעטער, איז בען ענדליך געווען ביי די עלעמענטארע סקול. עס האט אים נישט גענומען לאנג צו טרעפן זיין פאמיליע. זיין קליינע שוועסטער'ס אויגן זענען געווען רויט, און זי האט געזיפעצט. בען'ס מוטער האט געהאלטן אירע ארעמעס ארום איר. איין בליק אויף זיינע עלטערן'ס פנימ'ער האט געוויזן אז זיי זענען ברוגז אויף בען.

"וואו ביסטו געווען?" האט זיין פאטער געפרעגט.

"מיר זענען געווען קראנק נערוועז," האט זיין מאמע צוגעלייגט. "און דיין שוועסטער איז געווען דערשראקן. מיר האבן געמאכט א פאמיליע עמערזשענסי פלאן. פארוואס האסטו עס נישט אויסגעפאלגט?"

בען האט צוריק געקלערט צו די נאכמיטאג. אזויפיל אקציעס, אזויפיל באשלוסן. פארוואס האט ער זיך נישט געהאלטן צו די פלאן? קוקנ'דיג אויף זיינע עלטערן און זיין שוועסטער, האט ער געגארט עס צו קענען איבערטון די גאנצע זאך נאכאמאל. ער האט געגארט ווען צו האבן געבליבן מיט די פלאן. בען האט געוואוסט אז אויב נאך אן עמערזשענסי צושטאנד וועט נאכאמאל קומען, וועט ער זיכער אויספאלגן די פלאן.

## בען באשליסט ווייטער צו גיין צו די פארזאמלונג פלאץ

בען האט געקלערט איבער די געלעכטערס וועלכע ער וואלט געקענט האבן אויב ער וואלט מיטגעגאנגען מיט מייק ד. און עדעם צו גיין זעהן די וואסער הויפט בראך. אבער ער איז דאך שוין דארט געווען, און וואס איז דען געווען צו זעהן, אין אמת׳ן? עס איז נישט געווען קיין מיסט טראק אין א צעשפאלטענע לאך.

״איך גיי עס איבערהיפן, קינדער,״ האט בען געזאגט פאר זיינע חברים. ״עס איז נישטא צופיל צו זעהן.״

״טו וואס דו ווילסט״ האט עדעם געזאגט ווען די אינגלעך זענען ווייטער געגאנגען.

בען האט שנעל דערגרייכט די עלעמענטארע סקול. וואלונטירן פון די נאך סקול פראגראם זענען געשטאנען ביי די פאדערשטע טירן אינאיינעם מיט צענדליגע מענטשן אין גרין ״ס.ע.ר.ט.״ וועסטלעך און געוויסע פאליציי אפיצירן. די סקול שטאב האט באמערקט בען און געטייטלט צו זיין שוועסטער; וועלכע האט זיך געשפילט ביי די שפיל פלאץ.





בען׳ס שוועסטער האט אים דערזען און געקומען צו לויפן. ״האסטו געהערט? האסטו געהערט? מיר שלאפן אין די סקול די נאכט!״ האט זי געזאגט אויפגעהייטערט.

״אה, יא?״ האט בען געפרעגט.

״קום, איך וועל דיר ווייזן. זיי שטעלן אויף בעטן אין די זשים.״

בען האט געשמייכעלט. די לעצטע פלאץ וואו ער האט עכט געוואלט פארוויילן די נאכט איז געווען אין זיין אלטע סקול, אבער ער איז געווען צופרידן צו זען אז זיין שוועסטער האט עס געזען אלץ אן אדווענטורע.

נאכ׳ן באזוכן די זשים, זענען בען און זיין שוועסטער ארויסגעגאנגן אינדרויסן וואו זיי האבן געזען זייער מאמע און טאטע קומען אין ריכטונג פון די סקול. זיין שוועסטער איז געלאפן צו זיינע עלטערן און זיי ארומגענומען.

״האסטו געהערט? האסטו געהערט? מיר שלאפן אין  די סקול די נאכט!״ בען׳ס אויגן האבן זיך געדרייט, און זיינע עלטערן האבן געשמייכעלט. שלאפן אין די זשים איז נישט געווען דאס מערסטע געוואונטשן, אבער עס איז געווען א זיכערע ארט. אלץ אינאיינעם, איז די מצב נישט געווען אזוי שלעכט. אפשר וואלט בען געשריבן איבער די דערציילונג אין זיין נעקסטע שעפערישע באשרייבונג אויפגאבע – כאטש ער וועט זיכער מאכן צוצולייגן די חלק איבער א מיסט טראק וועלכע איז געזינקן אין א לאך און איבער שארקס וועלכע שווימען אין ריכטונג פון בראדוועי.